Rok I. Kraków, 13 sierpnia 1909 — קראקא, כ"ו אב תרס"ט. Nr 31




**Żydowska gazeta illustrowana.**

Wychodzi każdego piątku.

**Prenumerata wynosi:** Rocznie 10 K. = 5 Rbs. Półrocznie 5 K. = 2.50 Rbs. Kwartalnie K 2.75 = 1.50 Rbs.

Pojedynczy egzemplarz 20 h. = 10 Kop.

**Redakcya i Administracya: Kraków, Grodzka 62.**

**Jüdische Illustrierte Zeitung**

ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאנאמענטס-פרייז: יעהרליך: 10 קראָנען, = 5 רובל. האלביעהריג 5 קראָנען = 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2.75 קראָנען, = 1.50 רובל.

איינצעלנע נומער 20 העללער — 10 קאפ.

אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק, האלביעהריג 7.50 פיערטעליעהריג 4 פראנק.

רעדאקציאן און אדמיניסטראציאן: קראקא גראדגאסטע 62. טעלעפאן נר' 412.
קאסטער. פאסטשפארקאסען-קאנטא נר' 57,341.

הויפטפערטרעטונג פאר רוסלאנד: י. מערעצקי, ווארשא, כמיעלנא נר' 49. פיליע אין לאדז: פרזיעאזד נר' 16
הויפטפערטרעטונג פאר רומעניען: דאוויד הערצבערג, יאסי, סטר. סאראריע נר' 151.

# דער שפאניש-מאראקאנישע קריעג.



דער שפאניש-מאראקאנישע קריעג: די שפאניער שיעסען פון דער פעסטונג מעלילא אויף די מאראקאנער.

**אינהאלט: גענעראל-שטרייק אין שוועדען. דער גריעכיש-טירקישע קאנפליקט. בראנד-קאטאסטראפע איז דרעזדען. א. ז. וו.**

# דער שפאניש־מאראקא־נישער קריעג.

די ידיעות פון מעלילא זענען כסדר זעהר ערנסט. די קאבילען שטעהן אין זעהר א גרויסער צאהל ארום דער פעסטונג און לאזען די שפאניער נישט אברוהען. די שפאניער ערווארטען נאך פערשטערקונגען פון דער היים, אבער דאס נעהט נישט אזוי גיך.

די רעוואלוציע איז צוואר בעזיעגט, אונטערדריקט מיט בלוט און פייער. אבער אברופען דאס מיליטער און עס אוועקשיקען קיין אפריקא האט מען אליך מורא, טאמער וועלען דערווייל די רעוואלוציאנערע ווידער אויפהייבען די קעפ. איבער־דעם איז טאקי די לאגע זעהר חשך־דיג.

דאצו קומט נאך, אז די רעגירונג האט כסדר מורא, די קארליסטען זאלען נישט בענוצען די געלעגענהייט און מאכען א „פוטש" אים לאנד, אבזעצען דעם קעניג, און אויסרופען דעם טהראן־קאנדידאט דאן יאאימא פון בורבאן אלס קעניג. דאן יאאימא אליין לייקענט צוואר אב יעדע דעראַרטיגע מחשבה. אדרבה ער ערקלעהרט, גרייט צו זיין, פערזענליך טיילצונעהמען אין דער מלחמה נעגען די קאבילען. אבער מען ווייסט



דער שפאניש־מאראקאנישע קריעג: דער טהראן־פרעטענדאנט דאן יאאימא.

דאך שוין גוט, וואס א דעראַרטיגעס אבלייקענען האט אין דער פאליטיק פאר א ווערטה!...

די מאראקאנער שטערקען זיך דערווייל פון טאג צו טאג. זיי ווערען אינטערשטיצט פונ'ם גאנצען פאלק און די פאנאטישע גייסטליכע רופען צו א „הייליגען קריעג"...

אין דער זאך זענען איבערדעם פעראינטערעסירט אלע אייראפעאישע מלוכות, וואס האבען אין מאראקא פאליטישע און האנדעלס־אינטערעסען — אבער לעת־עתה קוקען זיי און שווייגען. דאס שווייגען קען זיי שפעטער זעהר טייער קאסטען. דאס קליינע ארימע שפאניען וועט בעקומען שלעג, אבער אויך די איבריגע מעכטע וועלען צאהלען די הוצאות...



דער שפאניש מאראקאנישע קריעג: דער קאמאנדאנט פון מעלילא, מארינא, אים געשפרעך מיט א בעפריינדעטען קאביל.

# א שטרייק פון א פיערטעל מיליאן ארבייטער.

דאס, וואס איז נישט געלונגען ביז אהער אין פיעל גרויסע, אינדוסטריעל שטארק ענטוויקעלטע לענדער, ווי פראנקרייך, בעלגיען, איטאליען, ענגלאנד וכדומה — איז איצט געלונגען אין שוועדען, חאטשי די אינדוסטריע און די ארבייטער־ארגאניזאציע איז דארט נישט אזוי שטארק ענטוויקעלט.

זייט באלד 14 טעג שטרייקען אין שוועדען מעהר ווי א פיערטעל מיליאן ארבייטער. טעגליך של יעסען זיך מעהר ארבייטער צו צום שטרייק, ווען ער וועט נאך א ביסעל דויערן, וועט איינטרעטען אים גאנצען לאנד א שטילשטאנד. די באהנען וועלען נישט סע־קעהרען, די פאסט־ און טעלעגראפען־אמטער וועלען זיין געשלאסען און דאס גאנצע לאנד וועט זיין אבגעשניטען פון דער איבריגער וועלט.

דער קאנפליקט איז אויסגעבראכען אין עטליכע גרויסע פאבריקען, וואו די ארבייטען און די פאבריקאנטען האבען זיך נישט געקענט איינינען וועגען דער לוינן־פראגע. אם 26 יולי האבען די פאבריקאנטען ערקלערט אז אזוי ווי די ארבייטער ווילען נישט נאכגעבען, זאגען זיי אלע אב פון דער ארבייט. און 50,000 ארבייטער זענען מיט א מאל ברויטלאז געווארען.

די ארבייטער־ארגאניזאציעס האבען דארויף געענטפערט מיט א גענעראל־שטרייק. די ארבייטער פון אלע בראנשען האבען זיך אנגעשלאסען צום שטרייק. ס'זענען שטעהן געבליבען אלע פאבריקען, אלע ווערקשטעטען, בעקערייען, מילכערייען, ברענערייען, די טראמוואי'ס, די פאסטען און טעלעגראפען עטצ.

מעהר ווי א פיערטעל מיליאן ארגאניזירטע ארבייטער שטרייקען. ווען מען זאל צורעכענען זייערע פאמיליעס, מאכט דאס אוים בערך $1\frac{1}{2}$ מיליאן מענשען, דאס הייסט, אז באלד א דריטעל פון דער גאנצער שוועדישער בעפעלקערונג שטרייקט.

ביז איצט איז דער שטרייק אבגעלאפען אין דער גרעסטער ארדנונג. די ארבייטער זענען רוהיג. רעכענענדיג אז באלד וועלען זיך אין שוועדען אויסלאזען די לעבענס־מיטעל און די בעפעלקערונג וועט צווינגען די פאבריקאנטען נאכצוגעבען. די פאבריקאנטען ווידער האפען, אז אזוי ווי די ארבייטער פערמיגען איבער גאר קליינע געלד־מיטעל, וועלען זיי באלד מיעד ווערען.

ווע־מענס ערווארטונגען ס'וועלען פריהער ערפילט ווערען, לאזט זיך לעת־עתה נישט חוסען. א פאקט איז, אז לויט אפיציעלע ידיעות, וועלען די אין שוועדען אנגעזאמעלטע לעבענסמיטעל אויסרייכען אויף נאך קוים 1 וואך. דערנאך וועט איינטרעטען א הונגערסנויטה און דעמילט קען מען נאך נישט בערעכענען, וואס ס'וועט געשעהען, מיט'ן הונגער קען מען זיך נישט שפיעלען.

די רעגירונג קוקט דערווייל צו און שווייגט. די שוועדישע בעפעלקערונג אים אלגעמיינען איז שטארק סאציאליסטיש און איהר געגנערשאפט געגען די פאבריקאנטען איז גרויס. ווייל די רעגירונג איבערדעם דאס פאלק נישט רייצען. אבער ווען אויך די אייזענבאהן־ארבייטער זאלען זיך אים גאנצען אנשליעסען צום שטרייק וועט די רעגירונג שוין מוזען זיך אריינמישען, און ווער ווייסט, אויב דאס אריינמישען וועט אבלויפען בשלום.

אין דער לופט פיהלט זיך א שטארקע אונרוהע, חאטשי די אויסערליכע רוהע איז לעת־עתה נישט געשטערט געווארען. די רעגירונג מאכט אלע הכנות, כדי עווענטו־




דער שפאניש־מאראקאנישע קריעג: א צערשטערטע באריקאדע אין בארצעלאנא.

עלע אינרוהען צו אונטערדריקען. דער קעניג, וועלכער האט געוואלט אבפאהרען פון שטאקהאלם, איז געבליעבען אין דער היים, ווייל אין אזא ערנסטער צייט קען ער נישט פערלאזען די הויפטשטאדט.

מיט דעם אויסגאנג פון דעם שטרייק איז פעראינטערעסירט די גאנצע וועלט. אויב די ארבייטער וועלען זיעגען, וועט מען באלד אויך אין אנדערע לענדער זיי נאכטהון און מען קען ערווארטען די גרעסטע עקאנאמישע אין ווירטהשאפטליכע ערשיטערונגען.

וועלען אבער די ארבייטער דורכפאלען, וועט דאס נאך פערשארפען דעם קאמפף צווישען קאפיטאל און ארבייט.

# א פרינץ אלס אויגען-דאקטאר.

אם 9 אויגוסט האט דער הערצאג קארל טהעאדאר פון באיערן, א ברודער פון דער געשטארבענער עסטערדייכישער קאיזערין עליזאבעטה, געפייערט זיין 70-סטען געבורטס-טאג.

דער הערצאג איז בעקאנט אלס איינער פון די בערימטעסטע אויגען-ערצטע און טויזענדע מענשען האבען איהם צו פערדאנקען זייער היילונג פון שווערע אויגען-קראנקהייטען.

אינטערעסאנט איז, אז דער הערצאג איז צוערשט געווען א זאלדאט גלייך ווי אלע פרינצען און ער האט זיך גענומען צום מעדיצינישען שטודיום שוין אים רייפערען אלטער, נאכדעם ווי זיין ערשטע פרוי, די זעכסישע פרינצעסין זאפיע, איז געשטארבען.

אים יאהר 1872 האט איהם די מינכענער אוניווערזיטעט ערנאנט צום „עהרענדאקטאר". א יאהר שפעטער לערנט ער אב די פריפונגען מיט גוטען ערפאלג און בעקומט דאס ריכטיגע דיפלאם. אבער ער אליין איז דאמיט נאך נישט צופריעדען. ווייטער שטודירט ער אין ציריך און שפעטער אין וויען אויף דער אויגען-קליניק פונ'ם פראפעסאר ארלט. עטליכע סעמעסטער הערט ער די פארלעזונגען פון פראפעסאר בילראטה. און אונטער זיין אויפזיכט נעמט ער פאר די ערשטע אפעראציעס, זיך אויף דעם אופן אויסבילדענדיג אלס קינסטלער אין זיין פאך. בעזעצט זיך דער הערצאג אין טעגערנזעע, וואו ער איבט אויס די מעדיצינישע פראקסיס. באלד ווערענדיג בערימט דורך זיינע פעהיגקייט און פיכטיגקייט. הונדערטע ארימע אויגענליידענדע פערדאנקען איהם זייער גענעזונג.

אים יאהר 1884 בעזעצט ער זיך אין אבערמאיס ביי מעראן, וואוהין עס פלעגען פילגערן אויגענקראנקע פון דער גאנצער וועלט. טעגליך פלעגט ער עמפפאנגען 70—80 קראנקע, פארנעהמענדיג די שווערסטע אפעראציעס.



דער שפאניש-מאראקאנישע קריעג: די קאבילען לאדען זייערע געוועהרע מיט אריינגעשמוגעלטע מוניציע.

זייט 1890 וואהנט דער הערצאג ווידער אין מינכען, אויסאיבענדיג זיין פראקסיס. אים יאהר 1895 האט ער איינגעריכטעט אין א בעזונדערן הויז זיין אויגען-קליניק, וואו די ארימע קראנקע ווערען אומזיסט אויסגעהאלטען.

ביז איצט האט דער הערצאג שוין פארגענומען איבער 5000 שטאאר-אפעראציעס. יעהרליך ווערען צירקא 4000 קראנקע אויף זיין קליניק בעהאנדעלט, דאפון בעקומען בערך 700 זייער אויסהאלטונג. טעגליך $7\frac{1}{2}$ א זייגער אין דער פריה איז ער שוין אים אפעראציאנס-זאאל. וועלכען ער פערלאזט נישט ביז אלע קראנקע זענען בעהאנדעלט געווארען.

דער הערצאגליכע אויגען-דאקטאר האט צום צווייטען מאל חתונה געהאט מיט א שפאנישער פרינצעסין און זיין יונגסטעס אייניקעל איז פערהייראטהעט מיט דעם באיערישען קראנפרינץ רופרעכט.

דער גרייזע הערצאגליכע יובילאר, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין דער היינטיגער נומער, האט אינ'ם טאג פון זיין יובילעאום בעקומען טויזענדע גליקווינשע און גראטולאציעס פון דער גאנצער וועלט.

# א „שווארצער" אדוואקאט.

די פאריזער אדוואקאטען האבען בעקומען א אינטערעסאנטען נייעם קאלעגע.

ביז איצט פלעגען זיי אלץ מורא האבען פאר דער קאנקורענץ פון די פרויען-אדוואקאטען. אבער דיזע קאנקורענץ האט זיך ארויסגעוויזען פאר צו שוואך. די ווייבליכע אדוואקאטען זענען ביים פובליקום נישט שטארק אנגענומען און זעלטען ווען, אז עמיצער זאל איבערגעבען א וויכטיגען פראצעס א ווייבליכען אדוואקאט. העכסטענס ביי פראצעסע ווענען עהע-שיידונגען פערטרעטען זיי די פרויען-פארטיי...

דער נייער פאריזער קאלעגע וועט אבער זיין באמת א שטארקע „אטראקציע". עס איז דאס נעמליך א „שווארצער אדוואקאט", א נעגער פון די פראנצעזישע קאלאניעס אין אפריקא.

הערר טיבער, אזוי הייסט ער, האט בעקומען א שטארקע ליעבע צו יוריסטישע וויסענשאפטען, ער האט פערלאזט זיין לאנד, זיין פאמיליע און זיין שבט און איז אוועק קיין פאריז שטודירען, וואו ער האט געענדיגט אויף דער אוניווערזיטעט די יוריסטישע שטודיען. נעמאכט אלע עקזאמענס און איז ער אויפגענומען געווארען פון דער אדוואקאטען-קאמער אלס א פולגילטיג מיטגליעד.

דער שווארצער אדוואקאט, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין היינטיגער נומער, זאל בעזיצען א שטארקען רעדנער-טאלענט.



דער שפאניש-מאראקאנישע קריעג: שפאנישע זאלדאטען קושען זייער געפאלענעם גענעראל פאר דער קבורה.

# אטענטאט געגען א אייזענ־באהן־צוג.

א ניעדערטרעכטיגער אטענטאט איז פאריגע וואך פעראיבט געווארען געגען א אייזענבאהנצוג פון דער סולמטהאל באהן (דייטש־עסטעררייך), און נאר דורך א צופאל איז פערהיט געווארען א שרעקליכע קאטאס־טראפע.

אונבעקאנטע טהעטער האבען איינגעשטיפט צווישען די שיענעס אייזערנע טראווערזען, וועלכע האבען פערריקט די שיענעס, אזוי אז דער פאריבערפארענדער צוג זאל זיך איבערקעהרען.

באלד איז אויך אנגעקומען א צוג מיט עטליכע וואגאנס פאסאשירען, אויף דעם ארט, וואו די אייזערנע טראווערזען זענען געלעגען. איז דער צוג אריבער אויף פאלשע שיענעס און האט זיך איבערגעקעהרט. צוויי וואגאנס זענען אראבגעשטירצט און צעבראכען געווארען. עטליכע פערזאנען פון'ם צוגספערזאנאל האבען ערליטען פער־לעצונגען. די לאקאמאטיווע איז אים גאנצען צערטרי־מערט געווארען.

ס'איז נאר צו פערדאנקען דעם צופאל, אז דאס זיכערהייטס ווענטיל האט זיך געעפענט און דער דאמפף איז אויסגעשטרעמט. וואס ס'איז נישט געשעהען א שרעקליכע קאטאסטראפע. דער צוג איז איבערדעם זיהר



א 15־יעהריגער דאפעל־מערדער.

לאנגזאם געפאהרען און די רייזענדע פון די פאסאשיער־וואגאנס האבען געקענט דורך די פענסטער ארויסשפרינ־גען און זיך רעטען.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א בילד פון דעם אונפאל. לעת־עתה האט מען די פערברעכער נישט אויסגעפארשט.

# דעם קייזער'ס אויטאמאביל.

אם 20 יולי איז אין אישל אנגעקומען א אויטא־מאביל, וועלכעס איז בעזונדער'ס געבויעט געווארען פאר'ן קייזער'ס געברויך און וועט דיענען נור פאר דעם קיי־זער פערזענליך.

דער אויטאמאביל האט פונפציג פפערד־קרעפטע און זעהט אויס ווי א אייזענבאהן־וואגען. אבער דער דאך לאזט זיך אראבנעהמען, אזוי אז מען קען דארין אויך פאהרען ווי אין א אפענעם וואגען. עס איז איינגעריכ־טעט מיט בעקוועמליכקייטען, א טיש צום שרייבען, א שפיגעל, א טואלעטען־טישעל און א רויכנארניטור מיט א עלעקטרישען ציגארעטענציגדער.



דעם קאיזערס אויטאמאביל.

אלס שויפעהר פאר דיעזען אויטאמאביל איז בע־שטימט געווארען רודאלף סטאיי. וועלכער איז שוין שויפעהר ביים קייזער'ס אייניקעל. דער פרינצעסין עלי־זאבעטהא ווינדיש־גרעטץ. ביי ווייטע שטרעקען וועט צו־קומען נאך איין שויפעהר.

דער אויטאמאביל וועט דיענען צום געברויך פונ'ם קייזער אין אישל און ביי די בעפאר־שטעהענדע קייזער־מאנעווער אין מעהרען. אויב ער וועט אויך אין ווין בערווענדעט ווערען איז נאך נישט בעשטימט.

ביז איצט איז דער קייזער בלויז 1 איינציגעס מאל געפאהרען מיט א אויטאמביל, און צוואר פאריגען זומער אנלעסליך דעם בעזוך פונ'ם ענגלישען קעניג עדוארד אין אישל.

# א 15־יעהריגער דאפעל־מערדער.

אין יאהאנעסדארף (שטייער־מארק) איז פאריגע וואך דער 15־יעהריגער געווערבע־שילער בענקע איבער־געפאלען די וויטווע אננא ווערנער אין איהר וואהנונג און האט זי ערמארדעט, צערקלאפענדיג איהר מיט א שווערען שטיין דעם קאפ.

נאך איידער ער האט זיך מיט איהר אבגעפארעט, איז אנגעקומען א 12־יעהריג מעדכען, די שילערין אננא קויטער. בענקע, דערזעהענדיג זי, צערקלאפט אויך איהר דעם קאפ, און מיינענדיג, אז אויך זי איז טויט, דורכ־זוכט ער ביי דער ערמארדעטער וויטווע די קעשענעס, נעמט צו 22 קראנען מיט 50 העלער און געהט זיך רוהיג אין שולע אריין, גלייך ס'וואלט קיין שום זאך געשעהן.

די קליינע קויטער אבער איז נאר געוועזען בעטייבט. שפעטער איז זי געקומען צו זיך. א צייט לאנג ליענט זי אים צימער, ביז ס'קומט אימיצער אריין און ענטדעקט דעם מאדר. שנעל רופט מען אנ'א־צט, וועלכער דער־כונטערט זי א ביסעל און דעמילט דערצעהלט זי, ווער דער מערדער איז.

בענקע ווערד תיכף פערהאפטעט, ער איז גאנ'ן רוהיג און האט נאר קיין הרטה אויף זיין שרעקליכער טהאט.

# א טירקישער פרינץ אלס מאלער.

דורך דער אבזעצונג פונ'ם סולטאן אבדול האמיד האבען אויך זיינע קינדער פערלוירען זייער איינפלוס אין דער טירקיי. קאיזערליכע פרינצען זענען זיי טאקי ווייטער. אבער צו קיין שום עפענטליכער שטעלונג וועט מען זיי נישט צולאזען. אויס מורא טאמער וועלען זיי אינטריגי־רען געגען דעם נייעם סולטאן.

זיי וועלען איבערדעם מוזען בלייבען פריוואט־מענשען און זיך זוכען פריוואטע בעשעפטיגונגען.

איינער פון זיי דער פרינץ אבדול מערשידיע, האט עס שוין געטהון, ער איז זעהר א טיכטיגער קונסט־מאלער און פון זיין אטעליער זענען ארויסגעקומען



אטענטאט אויף א אייזענבאהנציג.



א טירקישער פרינץ אלס מאלער.

פארטרעטס און לאנדשאפטען, וועלכע ווערען פון פאב־קריזע זעהר געלויבט.

פרינץ אבדול מעדשידיע, וואס מיר ברענגען היינט זיין בילד וועהרענד ער ארבייטעט אים אטעליער. וועט אפשר קענען פון זיין קונסט פערדיענען אויף פרנסה, אויב זיין גורל וועט זיין, ער זאל מוזען לעבען מ.יניע כפוי.

# דער עלטסטער זאלדאט פון דער וועלט.

קירצליך איז אין פאלטאווא (רוסלאנד) נעפייערט געווארען די 200־סטע יאהרצייט פון דער בעריהמטער שלאכט ביי פאלטאווא, ביי וועלכער דער רוסישע צאר פעטער דער גרויסער האט בעזיעגט דעם שוועדישען קעניג קארל XII און דאמיט בעגרינדעט רוסלאנדים גרויסקייט.

דער פייער האט אויך בייגעוואהנט דער צאר ניקאלויס און דארט איז איהם פארנעשטעלט געווארען דער



דער עלטעסטער זאלדאט אויף דער וועלט.

120 יאהר 'אלטע וועטעראן אנד־עאס ניקאלאיעוויטש שמירט, דער עלטסטע זאלדאט פון דער רוסישען א־מעע.

שמידט, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין היינטי־גער נומער, האט אויך טהיילגענומען אין די קריגע גע־גען נאפאלעאן און איז דער עלטסטע זאלדאט אויף דער וועלט.

# א הונד אלס לעבענס־רעטער.

נאהענט פון היילינגענשטאדט (ביי וויען) האט זיך דער עלפיעהרינער פאלקסשילער רודאלף בלאהא געבאדען אין דעם דאנוי קאנאל.

פלוצים גליטשט ער זיך אויס און די חוואלעס טראגען איהם אין מיטען טיעפען וואסער אריין. פון דער וייט האבען אנגעהויבען צוצולויפען מענשען, אבער ביז זיי וואלטען דעם קנאבען ערדייכט, וואלט ער שוין אפשר געווען פערלוירען.

צום גליק איז ביים ברזען געשטאנען א גרויסער יאנדהונד, וועלכער איז דעם יונגעל תיכף נאכגעשפרונגען איהם געפאקט ביים קאלנער מיט די ציינער און ארויס־געצויגען צום ברזען, וואו צוזאמענגעלאפענע מענשען האבען זיי ביידע ארויסגעטריסעלט פונ ם וואסער.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א אריגינעל בילד, פארשטעלענדיג דעם מאמענט פון דער ועלטענגען רעטונג.

# יובילעאום פון א יודישען געלעהרטעז.

פראפעסאר דר. איזידאר ראזענטהאל. דירעקטאר פון פיזיאלאנישען אינסטיטוט אין ערלאנגען, פייערט דיעזע טעג זיין גאלדענעם דאקטאר־יובילעאום.

50 יאהר וועט זיין, זייט דעם דר. ראזענטהאל. געבוירען אין לאבישין (ביי בראמבערג) אם 16 יולי 1836, האט בעקומען דעם טיטעל דאקטאר פאר מעדי־צין. ער איז איינער פון די בעקאנטעסטע פיזיאלאגען און פערפאסער פון פיעל מעדיצינישע שריפטען.

בעזונדערען אינטערעס האט דר. ראזענטהאל, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין היינטיגער נומער, געווידמעט דער נערווען־פיזיאלאגיע און זיינע ארבייטען אויף דעם געביעט זענען אנערקענט געווארען פון די גרעסטע גע־לעהרטע.

דר. ראזענטהאל איז אויך א בעקאנטער כלל־טהוער און ווארמער אונטערשטיצער פון אלע בע־שטרעבונג פאר שטארקונג פון דער פאלקסגעזונדהייט.

# שרפה־אונגליק אין דרעזדען.

א געפעהרליכע שרפה איז פארגען מאנטאג פאר־געקומען אין דרעזדען, ביי וועלכער עס זיינען פער־אומגליקט געווארען זעהר פיעל מענשען. אויף דעם אזוי־גערופענעם פוינעל־פעלד איז אבגעהאלטען געווארען א פאלקס־פעסט, אין וועלכען ס'האבען טיילגענומען איבער פופצינ־טויזענד מענשען.

אויף דעם פעלד זענען אויפגעשטעלט געווארען פערשיעדענע געצעלטען און קיאסקען צום פערקויף פון געטרענקע און פער־אנשטאלטונג פון פארשטעלונגען, אין אביידעל פון די ביער־האלען, אין וועלכער ס'זענען געווען איבער פינף־טויזענד מענשען, האבען געוואלט אפגע־ברענט ווערען פערשיעדענע פייער־קערפער פון א צע־פעלין לופט־באלאן.

די מוזיק־קאפעלע שפיעלט א מארש און דאס פובליקום ערווארט מיט שפאנונג די פא־שטעלונג. פלוי־צים עקספלאדירט א בענזין־מאטאר און באלד שטעהט דאס גאנצע געצעלט אין העלע פלאמען. דאס פייער פערברייטעט זיך אויף די איבריגע געצעלטע, אין וועלכע ס'געפונען זיך איבער פיערצינ־טויזענד מענשען, און דאס מיט אזא שנעלינקייט, אז די ארטיסטען, וואס האבען געוואלט אויפטרעטען פארן פובליקום, קענען זיך נישט מעהר איבערטהון און מוזען אין זייערע קאמי־שע קאסטיומע ענטלויפען פון די נארדעראבעס.

אין קוים א שעה זענען 60 פערשיעדענע געצעל־טען, באראקען, האלען, קיאסקען, ווי אויך 80 פערקויף־בודעס אבגעברענט געווארען.

צעהן פע־זאנען זענען שווער פערוואונדעט און זעכצינ גרינגער פערלעצט געווארען. חוץ לזה האבען זעהר פיעל מענשען ערליטען צער־קוועטשונגען און אב־רייסונגען פון דער הויט אין דעם גרויסען געשטופעניש. איינער איז געקראכען אויף די אנדערענס קעפ. פרויען זענען געפאלען חלשות. קינדער האבען געוויינט און געיאמערט, עלטערע מענשען זענען געשטאנען אין פער־צווייפלונג ווענען זייערע אנגעהערינע — די גאנצע סצע־נע איז געווען שרעקליך צוצוקוקען.

דריי שעה האט געדויערט, ביז ס'איז דער פייער־וועהר געלונגען דאס פייער צו לעשען. דעמילט אבער איז שוין פון דעם גאנצען היסטאריש בעריהמטען פוינעל־פעלד געבליבען א גרויסע חורבה — פון וועלכער מיר ברענגען א אריגינעל בילד אין אונזער היינטיגער נומער.



א הונד אלס לעבענסרעטער.



א בערייהמטער סופר געשטארבען : ר' אליהו בנימאָוויטש.

# קריעג צווישען טירקיי און גריעכענלאנד?

דער קאָנפליקט צווישען דער טירקיי און גריכענלאנד פערשארפט זיך וואס א מאהל מעהר. אייגענטליך איז אין די לעצטע וואכען אין דער לאגע גאר קיין שום ענדערונג נישט פארגעקומען, אבער די טערקישע א־מעע ווערד וואָס א מאל איננעדולדינער און דרענגט די רעגיערונג צום קריעג.

אין די לעצטע טעג האט די טירקישע רעגיערונג איבערגעשיקט אן גריעכענלאנד אנ׳א־ט אולטימאַטום, אין וועלכען זי פארערט, אז גריעכעלאנד זאל אברופען זיינע אפיציערע פון קרעטא און זאל ערקלעהרען, אז עס האט צו קרעטא גאר קיין טענות נישט.

מילא די ערשטע פארערונגען קען אפשר גריעכענלאנד ערפילען. דאס הייסט, זי קען די אפיציערע אברופען, די אפיציערע פון זייער זייט האבען נאטירליך די ברירה נישט צו וועלען פאלגען, זייענדיג זיכער, או שפעטער, ווען זיי וועלען צוריקקומען קיין גריעכענלאנד, וועט מען זיי דערפאר נישט בעשטראפען...

ראנגען די צווייטע פארערונג קען די גריכישע רעגיערונג בשום אופן נישט נאכקומען, ווייל זי וואלט זיך אפילו נישט קיין שעה מעהר געקענט האלטען אויפ'ן בענקיל און אויך די גאנצע דינאסטיע איז בעדראהט. ווי ווייט די גריכישע בעפעלקערונג זיצט רוהיג און שטיל, מורא־האבענדיג פאר די טירקישע קלעפ, וועט זי נישט דולדען אזא בושה'דיגע ניעדערלאגע, אויסרריקליך צו פערצ׳כטען אויף היסטארישע רעכטע, וואס זענען אנערקענט פ׳ן דער גאנצער וועלט...

אין דער טירקיי וויערער איז די פאלקסשטרעמונג שטא־ק גוטה. די יונגע טירקיי זאל בעווייזען, אז זי וויל זיך נישט מעהר לאזען נעפעלען די ווילקיר פון די מעכטע, יעדער זאל פון איהר אברייסען שטיקער ווי וויט עס נעפעלט איהם. עס האלט שוין אזוי ווייט, אז אין מאצעדאניען זענען אפגעהאלטען געווארען פאלקס־פערזאמלונגען, אויף וועלכע מען האט געפאסט החלטות או אויב די רעגיערונג וועט שווייגען, וועלען די מאצעדאניער אליין ארייגפאלען קיין גריעכענלאנד. די טערקישע רעגיערונג קען נישט זיין איינגעשפארט און מוז נאכגעבען דעם פאלק, אפילו געגען דעם ווילען פון די מעכטע...

איבערדעם אויך איז די לאגע אזוי ערנסט און חאטשי די מעכטע פרובען זיך, אין דער לעצטער מינוט צו אינטע־וועניערען צווישען דער טירקיי און גריעכענלאנד, איז עס א ספק, אוב ביי דער שטארקער אויפ־



יובילעאום פון א יודישען געלעהרטען : פראָפעסאר דר. איודאָר ראָזענטהאַל.

־יעגונג אין קאנסטאנטינאפאל וועט זיך לאזע דערהאלטען דעם פ־יערען...



א פרינץ אלס אויגען־דאקטאר : הערצאג דר. טהעאדאָר פון באיערן.

# קינסטליכע דיאמאנטען.

זייט דעם די וועלט עקזיסטירט, האבען הונדערטער, טויזענדער מענשען שוין געפרובט זייער גליק, צו געפונען א מיטעל, ווי אזוי צו ערצייגען קינסטליכע דיאמאנטען... מאנכע פון זיי אבער האבען זיך א־ויסגעוויזען אלס שווינדלער און בעטריגער, וואס זייער גאנצע ארבייט איז בעשטאנען „אין דעם, אבצונא־ען די וועלט. אנדערע ווידער האבען עס אפשר גענומען ערנסט און אבגעפיהרט זייערע יאהרען מיט אומזיסטיגער צוועקלאזער פלאגערייי.

יעדען איז נאך כוודאי בעקאנט די געשיכטע מיט'ן פאריזער דיאמאנטען־שווינדלער לעמאאן, וועלכער האט ביי פיעלע מיליאנע־ע אויסגעשווינדעלט שווערע סומען געלר דערצעהלענ־יג זיי מעשיות, אז ער האט געפונען א מיטעל, ווי אזוי צו ערצייגען קינסטליכע דיאמאנטען. לעמאאן האט זיינע שווינדלען אזוי ווייט געטריעבען, אז אפילו נאכדעם ווי ער איז ארעטירט געווארען, האט ער זיך געהאלטען ביי זיינעם און זיך



דער עלטסטער ראבינער אין דייטשלאנד : ראבינער דר. פריינד.

פערפליכטעט צו מאכען א פראבע אין געגענווארט פון געריכט. די פראבע איז נאטירליך נישט געלונגען און לעמאאן האט בעקומען זיין פסק.

איצט קומט וויעדער א ידיעה פון פאריז, אז עס איז דעם גראף באאסוועני טאקי באמת געלונגען, צו ערצייגען קינסטליכע דיאמאנטען, וועלכע זענען גערארע אזוי ווי די עכטע. פיעל גלויבווירדיגע פאכמענער ערקלעהרען, אז זיי האבען זיך מיט אייגענע אויגען איבערצייגט, אז גראף באאסוועני איז קיין שווינדלער, נור זיין ערפינדונג איז טאקי עכט. ער ערצייגט די דיאמאנטען דורך שמעלצען פון אצעטלין און קאלציאומקארבאנאט אין א עלעקטרישען אויווען.

די קינסטליכע דיאמאנטען זענען הארטע קערנינע שטיקער פון דער גרעסע $^1/_3$ מילימעטער. גראף באאסוועני האט זיי איצט פארגעלעגט דער אקאדעמיע פאר וויסענשאפטען צור פריפונג און בעטראכטונג. ער האפט שפעטער אויך גרויסע שטיקער ערצייגען צו קענען.

מיר ב־ענגען אין אונזער היינטיגער נומער א אריגינעל בילד, פארשטעלענדיג עטליכע קינסטליכע דיאמאנטען.

אין דער זייט געפינט זיך דאס בילד פונ'ם ערפינדער, גראף באאסוועני. די אבגעבילדעטע שטיינער זענען אבער 12 מאל אזוי גרויס אויפ'ן בילד, ווי אין דער ווירקליכקייט.



א „שווארצער" אדוואקאט : דער ערשטער נעגער־אדוואקאט אין פאריז.

# די יודישע וועלט.

## אַנ׳אַנקעט איבער דעם יודישען דלות אין גאַליציען.

פאַר דריי יאָהר האָט דער לאַנדטאַגסאַבגעאָרדנעטער דר. לעווענשטיין געהאַלטען אים גאַליצישען לאַנדטאַג א גרויסע רעדע איבער די אָרימקייט פון די יודישע פאַלקסמאַסען אין גאַליציען און געשטעלט דעם אַנטראַג. דער לאַנדעסאויסשוס זאָל טראַכטען עפּיס וועגען מיטעל, דעם דלות אבצוהעלפען.

דער לאַנדטאַג האָט דעם אַנטראַג איינשטימיג אָנגענומען. אבער א צייט לאַנג האָט מען דאריבער נאָר נישט געהערט. ערשט אין די לעצטע וואָכען איז מען געוואָהר געוואָרען אז דער לאַנדעסאויסשוס האָט געלאַזט זאַמלען דורך זיינס א בעאַמטען די סטאַטיסטישע ידיעות וועגען דער מאַטעריעלען און קולטורעלען לאַגע פון די יודען אין גאַליציען, און צעשיקט איצט פראַגע־בויגענס אַן אַלע יודישע כלל־טהוערס, ווי אַבגעאָרדנעטע, קהלה־פאָרשטעהער, פאָרשטעהער פון פינאַנציעלע אינסטיטוטע א. ז. וו. זיי זאָלען צוזאַמען אויף אַנ׳אַנקעט, וועלכע וועט זיין אים קומענדען מאָנאַט סעפּטעמבער און זאָגען זייער מיינונג וועגען אַלע די פראַגען, וואָס זענען ענטהאַלטען אינ׳ם פראַגעבויגען.

ווי ווייט דיעזע אַנקעט וועט ברענגען עפּיס פּראַקטישע רעזולטאַטע לאָזט זיך נאַטירליך לעת־עתה נישט וויסען. נאָך קענען מיר נישט דעם פראַגע־בויגען און וויסען נישט, וואָס מען מיינט און וואָס אונזערע כלל־טהוערס וועלען ענטפערן.

אויף איין זאַך אבער ערלויבען מיר אונז, שוין איצט אויפמערקזאַם צו מאַכען. אין די לעצטע צעהנדלינגער יאָהרען איז שוין זעהר פיעל געטהון געוואָרען, צו לינדערן דאָס אָרימקייט פון די גאַליצישע יודען, שווערע סומען געלד זענען אויסגעגעבען געוואָרען צו דעם צוועק. דאָס רעזולטאַט אבער איז גאָר געריינג.

די אורזאַכע דאַפון איז, וואָס פאַסט אַלע דיעזע אַקציעס טראָגען אויף זיך דעם חותם פון בעשרענקטע פּאַרטייאישע אונטערנעהמונגען. לאָמיר זעהען, למשל, ביי אונזער׳ע פּוילישע שכנים. די „קולקאַ ראַלניטשעס״, די „טאָוואַרזיסטוואָ שקאָלאַ לודאָוואַ״ וכדומה, ווערען אונטערשטיצט פון אַלע פּאַרטייען, און איבערדעם ברענגען זיי טאַקי גוטע רעזולטאַטע. ביי אונז אבער גרינדעט מען שולען, נישט צו פערברייטען בילדונג בכלל, נאָר אדער צו פערברייטען אַסימילאַציע, אדער סאָציאַליזם, אדער ציוניזם וכדומה. ביי אונז גרינדעט מען קרעדיט־געזעלשאַפטען נישט צו פערשאַפען בילינען קרעדיט פאַר די קליינע סוחרים און האַנדווערקער, נאָר כדי צו געווינען שטימען פאַר דער אדער יענער פּאַרטיי און צו שטאַרקען זייער איינפלוס.

איבערדעם אויך זענען די רעזולטאַטע אַזוי געריינג און פיהרען נישט צו קיין שום פּראַקטישען ציעל.

אויב אויך ביי דער אַנקעטע וועט זיך ווידערהאָלען דאָסזעלבע שפּיעל און אויך דאָרט וועט יעדער קומען מיט זיין בעשרענקטע פּאַרטיי־אַנשויאונג און וועט זיך סטאַרען צו בעווייזען, אַז נאָר ער און זיין פּאַרטיי ווילען די אמת׳ע טובה פונ׳ם פאָלק — און לויט ווי מיר זעהען אויס פערשיעדענע צייטונגסאַרטיקעל אין די פּאַרטיי־בלעטער, איז טאַקי צו בעפירכטען, אַז עס וועט אַזוי זיין — קען מען שוין לכתחילה זאָגען, אַז פון דער גאַנצער אַנקעטע וועט זיך אויסלאָזען — א בוידעם!...

עס איז נישט גענוג, אַז אונזערע „כלל־טהוער״ זאָלען זיין איינינג אין דער קאָנסטאַטירונג, אַז די גאַליצישע יודען זענען נעביך, לא־עלינו, גרויסע קבצנים, זיי מוזען אויפהערען צו קאָכען זייערע פּאַרטיי־צימעסען ביים פּייערל פון די אַלגעמיינע אינטערעסען און זיך פּראַאיינינען צו א געמיינזאַמע אַרבייט לטובת־הכלל — דעמילט וועט אפשר די לאַגע בעסער ווערען.

## די איינוואַנדערונג קיין אַמעריקאַ.

אַמעריקאַ איז א פריי לאַנד. אַזוי פריי, אַז יעדער בעאַמטער קען דאָרט טהון וואָס ער וויל און קימערט זיך נישט וועגען געזעץ.

און אַט דיעזע משונה׳דיגע אַמעריקאַנ׳שע פרייהייט בעקומען איצט אונזערע יודעליך צו שפּירען אין אַלע זייערע איברים.

אויף עליס־איילאַנד, דער קליינער אינזעל נעבען ניו־יאָרק, וואו די עמיגראַנטען ווערען אבגעשטעלט, כדי זיי צו אונטערזוכען, אויב מען מעג זיי אַריינלאָזען קיין אַמעריקאַ, איז פאַר עטליכע וואָכען ערנאַנט געוואָרען א נייער קאָמיסער, וויליאַמס. און אַזוי ווי יעדער נייער קאָמיסער ברענגט נייע גזירות, האָט דיעזער וויליאַמס אַרויסגעפונען א נייעם דין, אַז יעדער עמיגראַנט מוז ביי זיך האָבען ווענינסטענס 25 דאָלאַר. ווער נישט האָט זיין פוס נישט בעטרעטען די ערד פון דעם הייליגען אַמעריקאַ. ס׳העלפט נישט קיין פּראָטעקציע, קיין בעטען, קיין פערוועגדונג פון קרובים און בעקאַנטע. יעדער מוז האָבען זיינע אייגענע 25 דאָלאַר, נישט קיין געבאָרגטע, נישט קיין געשענקטע — אַזוי וויל מיסטער וויליאַמס. „ומי יאמר אליו מה תעשה?״

הערצצערייסענדע סצענעס שפּיעלען זיך אב דאָרט אויף עליס־איילאַנד. מיט יעדען שיף ווערען הונדערטע עמיגראַנטען, געווינרע אַרבייטס־פעהיגע מענשען, צוריקגעשיקט. מען רייסט אב מאַמעס פון קינדער, ברידער פון שוועסטער, חתנים פון כלות — ס׳איז א פּשוט׳ע אינקוויזיציע...

די ניו־יאָרקער יודען שרייען, פּראָטעסטירען; די צייטונגען ליאַרמען און דראָהען... ס׳העלפט נישט; די צענטראַל רעגירונג אין וואַשינגטאָן האָט טויבע אויערן און מיסטער וויליאַמס טהוט, וואָס ער וויל. אַמעריקאַ איז דאָך א פריי לאַנד און מען טאָר קיין בעאַמטען נישט שטערען אין זיין אַמטס טהעטיגקייט!...

אַט שלאָגען מיר זיך אַרום. וועלכע נייע לענדער מיר וואָלען אויסגעפונען פאַר דעם וואַנדערנדען פאָלק ישראל. ארץ־ישראל, אוגאַנדאַ, קירענאַיקאַ, מעזאָפּאָטאַמיען עטץ. — דערווייל קלאַפּט מען אונז צו פאַר דער נאָז די טהירען פון די לענדער, וואָס זענען ביז איצט פאַר אונז אָפען געווען...

## אַלף־בית אדער א־בע־צע?

שוין זייט א צייט עקסיסטירען ביי אונז יודען געוויסע פאַנטאַסטען, וועלכע ווילען רייקאַ אבשאַפען דעם יודישען אַלף־בית און איהם ערזעצען מיט׳ן לאַטיינישען א־בע־צע.

זיי טענה׳ן, אַז ראשית וועט דאָס העלפען, צו ערלייכטערן יודישע גוים און אמת׳ע גוים, וואָס ווילען זיך בעקאַנט מאַכען מיט דער יודישען שפּראַכע, זי צו ערלערנען, ווייל דער יודישער אַלף־בית איז זעהר שווער, והשנית וועט דאָס לעזען יודיש אויפהערען צו זיין א שאַנד פאַר א געוויסען סאָרט יודען, וואָס שעמען זיך עפענטליך צו לעזען א ביכעל אדער א צייטונג מיט יודישע אותיות...

מען ברויכט נאָר נישט צו פערליערען פיעל ווערטער, כדי צו בעווייזען ווי לעכערליך די גאַנצע זאַך איז. ווער ס׳שעמט זיך מיט׳ן יודישען, וועט זיך אויך ווייטער שעמען. והעיקר, אויב מען וויל די יודישע שפּראַכע מאַכען פאַר א לעבענדיגע נאַציאָנאַל־שפּראַך, איז נישט גענוג מען זאָל זי לעזען, מען מוז אויך רעדען יודיש, און דאַנען וועט שוין דער לאַטיינישער א־בע־צע נישט העלפען...

די טענה ווייטער, אַז דער יודישער אַלף־בית איז שווער צו ערלערנען, איז אים גאַנצען נישט ריכטיג. יעדעס יודישע קינד לערנט דעם אַלף־בית און ווער ס׳האָט נאָר דעם חשק, צו לעזען יודיש. פאַר דעם איז דער אַלף־בית גאָר נישט שווער.

אין נישט־יודישע קרייזען איז דאָס אינטערעסע פאַר דער יודישער ליטעראַטור זעהר קליין און וועט תמיד בלייבען בעשרענקט אויף א געוויסען טהייל פון די אַזוי־גערופענע „אינטעלעקטועלען״... אויב ס׳צאָהלט זיך אויס, כדי זיי דאַמיט מזכה צו זיין, אַנצוטהון דער יודישען שפּראַכע א לאַטיינישען שלייער — דאַריבער קען ביי בענשען מיט געזונדע מוחות נאָר קיין שום צווייפעל נישט זיין.

דער איינענטליכער צוועק פון דער גאַנצער זאַך איז די אייסערע אַסימילאַציע... דאָס וועט אָבער אַזוי ווייניג העלפען, ווי די אייסערע פּאָליטישע אַס׳מילאַציע! ס׳וועט זיין נאָך א בלאַמאַשע מעהר!

## פערקויפט „עולם־הבא״ נ־אַר צדקה־וועגען.

אין בענדער (רוסלאַנד) האָט א יוד א חסיד, ר. מ. פערקויפט זיין חלק עולם־הבא פאַר דריי קערבליך.

די דריי קערבליך אָבער נעמט ער נישט פאַר זיך. נאָר האָט זיי געשפּענדעט פאַר א צדקה־זאַך.

לויט ידיעות פון דאָרט איז דער פערקייפער זעהר אַנ׳ערנסטער מענש, א אמת׳דיג פרומער יוד און פול פיי זונען...

## גלויבענס־פרייהייט אין טערקיי.

דער באַגדאַדער רב ר׳ דוד פּאַפּי האָט געהערט, דאָס די יודען, וואָס אַרבייטען דאָרט אין באַנק און אין אַנדערע רעגירונגס־אַנשטאַלטען, זענען מחלל שבת. ער האָט זיך געפּרובט משתדל זיין ביי דער רעגירונג, מען זאָל די יודען בעפרייען פון דער אַרבייט א׳ם שבת.

די השתדלות איז אָבגעוואָרפען געוואָרען, ווייל די יודישע טשינאָווניקעס גופא האָבען נישט געוואָלט מסכים זיין מיט׳ן רב׳ס בקשה, דאַרום האָט זיי דער רב אַריינגעוואָרפען אין חרם.

די יודישע טשינאָווניקעס האָבען זיך בעקלאָגט ביים באַגדאַדער גובערנאַטאָר און דער גובערנאַטאָר האָט מודיע געווען דעם רב, ער זאָל דעם חרם אַרבנעהמען, ווייל אין טערקיי הערשט רעליגיאָנס־פרייהייט און קיינער טאָר נישט צווינגען דעם צווייטען אין אמונה־זאַכען.

## דער עלטסטער ראַבינער אין דייטשלאַנד.

אַם 30 יולי האָט דער ראַבינער דר. פריינד אין גערליץ, געפייערט זיין אַכציגסטען געבורטסטאַג.

דער גרויזע יובילאַר איז נישט בלויז ביי זיין יודישער קהלה, נאָר אויך ביי דער גאַנצער בעפעלקערונג פון גערליטץ שטאַרק אַנגעזעהען.

ראַבינער דר. פריינד האָט אינ׳ם טאָג פון זיין יובילעאום געווילט אין באַד זאַלצבורון צור קור, די געמיינדע האָט דאָרטהין געשיקט א דעפּוטאַציע, בעשטעהענד פון די העררען קאָמערציאַלראַטה אַלעקסאַנדער קאַטץ, סאַלי היימאַן און לעאָפּאָלד קאהן, וועלכע האָבען דעם יובילאַר איבערגעגעבען א ערהרענגעשענק, חוץ־לזה האָט דר. פריינד, וואָס זיין בילד ברענגען מיר אין היינטיגער נומער, בעקומען גראַטולאַציעס און געשענקע פון פיעל קאַלעגען, פעראיינע און אינסטיטוטע. דר. פריינד איז דער עלטסטער ראַבינער אין דייטשלאַנד.




קינסטליכע דיאמאנטען: די סוג'ם גראף באאנוועני ערצייגטע קינסטליכע דיאמאנטען און זייער ערפינדער.

א נאַכשליעסעל צו זייער טהיר. ווען ר' איסר־פּייטעל וועט קומען מיט די שמשים, וועלען מיר איהם געבען דעם נאכשליסעל, מיט וועלכען ער וועט נאר אהן רעש קענען עפענען זייער טהיר.

חנה האט דערצו מסכים געווען.

* * *

אַ שעה נאך מעריב, איז שמחה דער לאַחאיסקער פון דער ישיבה אַ היים געקומען.

ער האט מיט זיך עטליכע פּעקליך געבראַכט און האט זיך איינגעשלאָסען אין זיין חדר.

אַ קורצע צייט שפּעטער זענען נאך אַנדערע ישיבה־לייט מיט פּעקליך אין די הענד געקומען, האָבען אָנגעקלאַפּט און שמחה האט זיי צו זיך אַריינגעלאָזט.

און אלע צעהן פופצעהן מינוט זענען נאך אַנדערע ישיבה־לייט און אליין מיט פּעקליך געקומען און זענען שטילערהייד אין יענעם חדר פערשוואונדען און די הינטער זיך פערשלאסען...

חנה און מנוחה האבען דאס צוגעזעהן און די הויט האט אויף זיי געציטערט פאַר שרעק.

— "רבונו־של־עולם! — האָבען זיי זיך אין די געדאַנקען געפרעגט — נאך וואָס דאַרפען זיי אזוי פיעל באַמבעס? היתכן אַז זיי ווילען אומברענגען אלע מענשען פון דער וועלט?

עטליכע מאל האבען זיי צוגעלענט זייערע אויערן צו דער וואַנד פון שמחה'ס חדר; אָבער דאַרטען איז גאַנץ שטיל געווען, קיינער האט נישט געקערט. נור אַפּטמאל האט זיך געלאָזט הערען אַ שטאַרקער קלאַפּ ווי פון אַ שווערען אייזען.

ארום עלף אַ זייגער איז ר' איסר־פּייטעל דער משניח מיט די צוויי שמשים געקומען.

חנה האט איהם דערלאַנגט דעם נאכשליסעל און האָט איהם געזאגט וואס צו טהון.

אויף די שפּיצענפינגער איז ר' איסר־פּייטעל צוגעגאַנגען צו דער טהיר. און הינטער איהם די צוויי שמשים.

מנוחה איז געשטאַנען נישט ווייט פון דער טהיר און האט זיך מיט דעם בּרעג פון איהר פאַרטוך געווישט די טרערען פון איהרע אויגען.

חנה איז געשטאַנען ביי דער אַנדערער זייט טהיר און האָט אין דער שטיל ודוי געזאגט.

אַ דרעה מיט'ן שליסעל — די טהיר האט זיך אויפגעמאַכט...

ר' איסר־פּייטעל, די שמשים, חנה און מנוחה שטעהן ווי פערשטיינער'ט.

זיי זעהן פאַר זיך אַ מערקווירדיגע סצענע.

ביי דעם טיש, איבער וועלכען עס הענגט אַ קעראָסין־לאמפּ, זיצט שמחה דער לאַחאיסקער, אהן אַ ראק אויף זיין לייב, און לענט אַ גרויסע לאַטע אויף אַ פּאָר תחתונים. אַרום איהם, אויף דער ערד, ליעגען רעק, רעקליך, העמדער און תחתונים און וואַרטען אויף לאַטעם. אויפ'ן טיש ליעגען שטיקער געוואַנד, לייוונד, ספּולעס מיט פּ־דעם, בּריוועלך מיט נאָדלען, אויף אַן אייזערנעם אויוועלע וואַרעמט זיך אַ גרויסער פּרעסס־אייזען.

שמחה דער לאַחאיסקער און די אַנדערע ישיבה־לייט שפּרינגען אויף דערשראַקען.

— וואָס איז דאס? — פרעגט ר' איסר־פּייטעל און וואַרפט אויף שמחה'ן אַ פינסטערן און שטרענגען בליק.

קיינער ענטפערט איהם נישט. אלע שטעהן פער־גליווערט אין אַ טיפער בושה.

— איך פרעג, וואָס דאס האט צו בעדייטען? — שרייט ר' איסר־פּייטעל מיט אַן אַקטאַווע העכער.

— רבּי! — ענטפערט שמחה שטאַמלענדיג — אַט די... אלע בחורים... וואָס איהר זעהט דאָ... זענען קינדער פון אָרימע עלטערן... נייע קליידער האָבען זיי נישט... און די אַלטע זענען צעריסען... זיי האָבען נישט מיט וואָס אַ שניידער... און איך בין אַ... אַ... שניידער פון דער היים... איך קען... די מלאכה!... נו, פערלאַפטע איך ז..ערע בגדים... איך טהו דאָס... אומזיסט! זאָלען זיי זאַגען!

ר' איסר־פּייטעלס פּנים לייטערט זיך אוים ווי ווי דער הימעל נאך אַ שטורם. ער לענט זיין האַנד אויף שמחה'ס קאָפּ און זאָגט:

— דו ביזט אַ אַן'אמת'ער יוד, לאַחאָיסקער! ירבו כמוך בישראל! אָבער צו וואָס דאַרפט איהר זיך בעהאַלטען? פאַר וועמען האָט איהר מורא?

— איך האָב נישט געוואָלט מבזה זיין די תורה, רבי! — ענטפערט שמחה — אַ ישיבה בחור און אַ שניידער!

— דאס איז פאַר דער תורה קיין בזיון, מיין קינד! פערקעהרט, קען עס געבען אַ גרעסערער כבוד פאַר דער תורה, ווען אפילו פּראָסטע בעלי־מלאכות לערנען זי!

מנוחה האט זיך געפיהלט ווי אין זיעבענטען הימעל.

און אין צוויי יאָהר אַרום, ווען זי האָט מיט שמחה'ן חתונה געהאַט איז געווען: מנוחה ושמחה...

מ. זייפערט.

# א בערידהמטער „סופר" גע־שטארבען.

אין פראַנקפורט אַם מאַין איז פאַר אַ קורצער צייט געשטאָרבען דער סופר ר' אליהו בּנימאָוויטש, איינער פון די בערידהמטעסטע „סופרים" אין דער איצטיגער צייט.

אלס סופר איז דער פערשטאָרבענער געווען אונ איבערטראָפען, אַ ווירקליכער קינסטלער און אלע גרויסע יודישע מענער, ווי סיר משה מאָנטעפיאָרע, באַראָן ראָטה־שילד, אשער, מאַנטאַנו או. ז. וו. פלעגען זיך ביי איהם לאָזען שרייבען ספרי־תורות, תפלין און מזוזות פאַר זייער געברויך.

אין די לעצטע יאָהרען איז ער בערופען געוואָרען פון'ם פראַנקפורטער פרומען ראָטהשילד. קיין פראַנקפורט וואו ער איז געבליעבען וואָהנען ביז צו זיין טוידט.

ר' אליהו בּנימאָוויטש איז אַ געבוירענער ווילנער. ער איז געווען אַ גרויסער תלמוד חכם און אַ מדקדק במצות. זיין אימפּאָניערענדע אייסערע ערשיינונג, זיין קלוגהייט און זיין טאַדעללאָז אויסגעטרעטען פלעגען אויף יעדען מאַכען דעם שטאַרקסטען איינדרוק.

פאַר 25 יאָהר, ווען סיר משה מאָנטעפיאָרע האָט געפייערט זיין הונדערטסטען געבורטסטאָג אין די רוסישע יודען [illegible] איהם געוואָלט איבערגעבען אַ עהרען־בריעף, איז ר' אליהו בּנימאָוויטש אויסגעוועהלט געוואָרען דאָצו דיעזע אדרעסע צו איבערגעבען.

[illegible] פערשטאָרבענער, וואָס זיין בילד ברענגען מיר אין היינטיגער נומער, איז געווען אַ שטאַרקע שטיצע פאַר פיעל רוסישע ישיבות, פאַר וועלכע ער פלעגט זאַמלען געלד ביי די דייטשע נדיבים, ער האָט אויך געהאַט אַ וואונדערבאַרע, קלאַנגפולע שטימע און איז אויך בעריהמט געווען אלס בעל־תפלה, תנצב"ה.



שרפה־קאַטאַסטראָפע אין דרעזדען: דאס פוינעל־פעלד נאָך דער שרפה.

# קורארט באדען ביי וויען.

דער קורארט באדען ביי וויען איז א מערקווירדיגע אינדיווידואליטעט צווישען די אייראפעאישע קורערטער. ס'לאזט זיך נישט שילדערן אין א פאר ווערטער. אין וואס דער איינענטליכע רייץ פון דיעזען הערליכען ארט



איר־שפ־ונגסקוועללע.

בעשטעהט. אויב אין זיינע בעריהמטע מינעראלישע הייל־קוועלען, וועלכע ברענגען לינדערונג און היילונג פאר טויזענדע קראנקע און ליידענדע. אדער אין זיין הערליכער לאגע, אין זיין מילדען קלימאט מיט דער ווירציגען וואלדלופט. אדער נאר אין דער גרויסער אלוויי־טינער בעקוועמליכקייט, וועלכע איז דא־ט צו גע־פונען.

קיין דרייפיערטעל שעה פון וויען ענטפערנט ליגט דיעזער קורארט. ווער ס'בעזוכט איהם, געפינט זיך צוגלייך אין דער גרויסער מיליאנען־שטאדט, וואו ער קען זיך פערשאפען יעדע בע־קוועמליכקייט און יעדעס פערגניגען, וואס די גרוי־סע שטאדט ביעטעט; צוגלייך אבער קען ער דא. אין דעם הערליכען, בע־נאויף אויסגעדעהנטען פארק געניעסען דאס רוהיגע בעשויליכע לעבען, וועלכעס איז צו געפונען אין רוהיגע שטילע לאנד־געגענדען, ווייט ווייט ענטפערנט פון דעם גערויש אין דעם געטומעל פון דער גרויס־שטאדט.

און איבערדעם איז דיעזער קורארט איינער פון די אם שטארקסטען בעזוכטע צווישען די גרויסע וועלט קורערטער. איבער 30,000 קורגעסט פון אלע לענדער קומען אהער יאהריעהרליך, קראנקע, ליידענדע, ערהאלונגסבעדירפטיגע און אזוי גלאט מענשען, וואס זוכען פערגניגען און צערשטרייאונג. אלע זענען פון באדען העכסט צופריעדען און קומען אפט ווידער מיטברענגענ־דיג פריינד און בעקאנטע.

דא קען מען זעהען דעם געמיטהליכען וויענער, דעם עלעגאנטען פאריזער, דעם קיהלען ענגלענדער און

אמעריקאנער, דעם הייסבלוטיגען איטאליענער, דארט געהט א פערואנער אין זיין אריגינעלער נאציאנאל־טראכט, דא א פוילישער יוד אין דער לאנגער קאפאטע מיט'ן סאמעטענעם קאפעליוש. אלע פיהלען זיך דא היימיש, יעדער געפינט זיין איינגעארטיגע בעקוועמליכקייט. דאס פריינדליכסטע ענטגעגענקומען. די בעסטע בעהאנדלונג. די קורפערוואלטונג גיבט זיך יעדע מיהע, אלע ווינשע און בעדירפנישען פון די קורגעסטע צו בעפריעדיגען. דריי מאל טעגליך גיבט די קורקאפעלע קאנצערט; יעדען נאכמיטאג ווערען געגעבען פארשטעלונג אים טהעאטער; יעדעס פיערטעל שעה פעהרקעהרט א עלעקטרישע באהן קיין וויען אין אין די נעבענדיגע קורערטער ווי פעסלוי, רויהענשטיין או. ז. וו. פאר א גאנץ קליינעט בעטראג קען מען זיך אין א קורצער צייט געפינען ענטוועדער אין דער רוישענדער עסטערייכישער הויפטשטאדט, אדער טיעף אים וויענער־וואלד. אים הערליכען געבירג, דא־ט וואו דער ווייך וואכסט אין די געזונדעסטע לופט בריננט ערפרישונג דעם קראנקען ווי דעם געזונדען.

אלע קורגעסטע ווערען גלייך בעהאנדעלט, ס'איז קיין חילוק צווישען יוד און קריסט, דייטש אדער אנדערע נאציאן, אים האטעל, אין דער ווילא, אים פארק, אים לעזע־זאאל, אין די באדע־אנשטאלטען, ביי די ערצטע—

אין געבירגס־געגענדען ווערען אפגעהאלטען קאנצערטע, אויספלינע און אונטערהאלטונגען, אזוי אז דער קורגאסט געפינט יעדע הענליכע צערשטרייאונג און יעדעם מעגליכע פערגניגען.



עסקולאפטעמפעל.

איבערדעם אויך איז דאס קורארט באדען ביי וויען איינס פון די הערליכסטע און אנגענעהמסטע. ווער עס בעזוכט עס איינמאל, קומט אפט ווידער און געדענקט



איבעראל געפונט מען דאס פריינדליכסטע ענטגעגענ־קומען.

אין די לעצטע יאהרען האט די באדענער גע־מיינדעפערוואלטונג אויסגעגעבען פיעלע מיליאנען פאר קאנאליזירונג, וואסערלייטונג, ערווייטערונג פון די פראָ־מענאדען, בעפלאנצונג פון די בערג עטצ. עטצ. גרויסע רעסטוראנטס (אויך עטליכע שטרענג כשר ע) און קאפע־הייזער, מילכהאלען, קאנדיטארייען עטצ. ביעטען דעם קורגאסט די מעגליכקייט, זיין לעבענסווייזע איינצוריכטען, ווי איהם געפעלט. דאביי איז אלעס פערהעלטניסמעסיג נישט טהייער און יעדער קען לעבען לויט זיינע פערהעלטניסע.

נאהנט פון באדען ווערען אפגעהאלטען פפערדע־רענען, אין וועלכען ס'בעטהייליגען זיך די שנעלסטע פפערד פון דער וועלט. אין די אומליעגענדע דערפער

מיט דאנקבארקייט אין דיעזען ארט, וואו ער האט גע־פונען אזוי פיעל ערהאלונג, היילונג און אונטערהאלטונג.



יאזעפסבאד.



פ־ויענבאד.

האפיא

פאסטא דא בוציקוו — יעסט נאילעפשא מארקא.
פאסטא דא מעטאלי — אוינאגא פרוז פאוואני פאכאווע.
ושאנדאץ וושענדושיע ו יראזשניע טילקא וויראבו ז נאסיסעס פירמי
S. HOF W KRAKOWIE.

# רעטהזעל־אויפלעזונגען.

די אויפלעזונג פון רעטהזעל אין נו׳ 28 איז

פנחס, עלף, ראטה, זיעבען, יולי, ערנסט, נחמן

פערזיען

ריכטיגע אויפלעזונגען האבען איינגעזענדעט: שלמה קלינער לעמבערג, יצחק טענצער סטרזישוב. יעקב פיינגאלד סטרזישוב. איטשי ענגעלבערג סאנדאוו־ווישניא. חיים שלום פלוימענהאפט סט־זישוב. אדעלא ליפשיץ. באריסלאוו. יודעל גרובער סטרזישוב. יהושע מאנן סאנאק. אברהם פילצער מיקולינצע. אברהם שלאף יונ. וויעלקי־אשטי. שמואל קירשנער יעלען. חיים שלאף וויעלקי־אטשי. חאלער. טורקא. הערש סגל פארוואלאטשיסקא. יצחק וויניצער פאדליפצע. מ. הילבערג רזורין. מרדכי פערלמוטער פארוואלאטשיסקא. יצחק סאלפעטער זאבנא. אשר לאנדוי טשעראוויטץ. שבח נערסטענפעלד קריסטינאפעל. ב. שפירא דערעוולאני. דבורה מיהלראטה דראהאביטש. חיים טים סאנאק. נ. פרענקעל דראהאביטש. ישראל נאטליעב נא־ליצע. אייזיק קערנער יורקאוויץ. משה וויטלין סמערקיוו. חיים האלצמאן קריסטינאפעל. ליב רניאל הא־נפעסט ראדימנא. אברהם יצחק פעסעל לעמבערג. ח. מ. בירנבוים לאנצוט, אהרן ראזענבליטה. לאנצוט. פריץ יאמפל סקא־לאט. צבי ליכטמאן טארנאפאל. שמחה פיעפעס טאר־נאפאל. גדליהו פרנס טארנאפאל. קלמן קארן לובאטשאוו. ישראל פאלאק טארנאפאל. הערש לאנדוי טא־סקיע, דובברילר טארנאפאל. יהושע מאוזעס סאנאק. ישעי׳ שפיץ שווינצאני. ווילהעלם זאנדהויז קאטוב. יעקב מאיר און ריסי טרייביטש דזוויניאטש. מאיר שלייען סטאניסלוי. נטע לאנדוי פאדגורזע. בילא לאנדוי פאדגורזע. מענדעל לינצער דעמביצא. יאאתים נאווערער פארוואלאטשיסקא. יודל לאנדוי קראקוי. יהושע און אלישע אפטעלגרין סטאראסאל.

# בריעפקאסטען.

צו מעהרערע: מיר האבען אין די לעצטע וואכען בעקומען פון פערשיעדענע זייטען רעקלאמאציעס וועגען נישט פינקטליכער צושטעלונג פון די בלעטער. מאנכע בעקלאגען זיך, אז זיי האבען איבערהויפט די בלעטער נישט בעקומען. — מיר זענען איבערדעם מודיע, אז דאס בלאט הערד יעדעסמאל אן אלע אבאנענטען גלייכצייטיג עקס־פעדירט אהן א שום אויסנאהמע, מיר האבען די רעקלא־מאציע איבערגענעבען דער פאסט־פערוואלטונג און האפען אז פון איצט אן וועט שוין יעדער פינקטליך בעקומען זיין בלאט.

די פארטזעצונגען פונ׳ם ראמאן דון יוסף הנשיא דרוקען זיך און בקרוב וועלען מיר זיי צושיקען אלע נייע אבאנענטען.

אויך די ארץ־ישראל לאזע וועלען מיר בקרוב צושיקען צו אלע נאנציעהרינע אבאנענטען. און ברויכט מען וועגען דעם נישט בעזונדערס צו רעקלאמירען.

להשואל: די רעדאקציע קען נישט יעדען, וואס שיקט אריין אנ׳ארטיקעל, בעזונדערס ענטפערן. אויב ער וועט ווערען געדרוקט אדער נישט און פאר וואס נישט. אויב אימיצער וויל א בעזונדערע תשובה, ברויך ער ביי־לעגען א מא־קע פאר פארטא.

# גראטולאציעס.

מעומק לבי הנני מברך בברכת מז״ט, את ידידי אברהם שט־אזבערג מוויעלקיאטץ לאירוסיו עם העלמה מאטיל קירלאנר מטארנוב.

אברהם שלאף יונ. וויעלקיאטש.

---

☞ מיר מאכען אויפמערקזאם אויף דער אנאנסע פון דער מיליטער פארבערייטונגס שולע אונ־טער לייטונג פונ׳ם פענסיאנירטען מאיאר א. קא־נבערגער אונר ק. מאשעני אין קראקא אויף זייטע 16 פון דער היינטיגער נומער. אין דיזער שולע זענען איצט איינגע־ריכטעט געווארען בעזונדערע אבענד־קורזע פיר אינטעלי־גענץ־פ־יפונגען פאר האנדעלסאנגעשטעלטע און פריוואט־בעאמטען, נעהערעס ערקלערט די שוללייטונג.

# צו די לעזער.

אין דיעזער נומער ענדיגט זיך דער היסטארישער ראמאן „דון יוסף הנשיא״ און אין דער צווייטער נומער וועלען מיר אנהייבען צו דריקען א נייעם, אריגינעלען ראמאן

# „אים הארעם פונ׳ם סולטאן״

## שפעציעל געשריעבען פאר דער „יודישען אילוסטרירטען צייטונג״.

אין דעם נייעם ראמאן וועט געשילדערט ווערען דער גורל פון א יודיש מיידעל אויס רוסלאנד. וועלכעס איז פערנארט געווא־ען דורך מעדכען־הענדלער און מען האט זי פערקויפט צום סולטאן אבדול האמיד אין הארעם אריין.

אויספיהרליך וועט ווערען בעשריעבען דאס לעבען און טרייבען אינים הא־עם און אלע צרות, וועלכע דאס יודישע מיידיל איז אויסגעשטאנען, ביז ס׳איז געקומען די יונגטירקישע רעוואלוציע און האט אבגעווארפען דעם סולטאן און צווישען עטליכע הונדערט הארעם־פרויען איז אויך זי בעפרייט געווארען.

די שילדערונגען זענען זעהר שפאנענד און סענ־זאציאנעל. די מייסטע בעגעבענהייטען זענען אמת, לויט אויטהענטישע קוועלען און בעריכטע.

מיר האפען, אז אונזערע לעזער וועלען בעגריסען מיט גרוים אינטערעס דאס ערשיינען פון דעם נייעם ראמאן.

**די רעדאקציע.**


Tylko tą marką ochronną




uznana za najlepszą



# Tur und Tafeltrauben

Taglich frisch von Stock, grossbeerig süss

5 kg. K. 3.

L. Altneu, Versecz 16. Ung.






Im Verlage von **F. Simon, Berlin W. 62**

sind erschienen und **a 25 Pf.** zu beziehen:

**12 Hefte von Simon's kaufmännischer Universal-Bibliothek**

1. Das Wesen der Buchführung speziell des amerikanisch. Systems
2. Praktische Rechenvorteile
3. Das Geheimbuch und die Detailgeschäftskontrolle (Umwandlung der einfachen Buchführung in die doppelte)
4. Stellenbewerbungs-Korrespondenz mit vielen Bewerbungsbriefen
5. Privat-Buchführung für Chef, Kommis und Lehrling
6. Briefschreibekunst
7. } Markt-Berichte und Erklärung der Waren-
8. } börse
9. } Prozesskunde mit Formularen (1 und
10. } 2 Teil)
11. Verjährung
12. Hypothekenwesen.

**Jedes Heft 25 Pfg.**

und inklusive Porto 28 Pfg. — 34 h. — 17 Kop

**Wechselwesen** und **Wechselrecht** einfach und übersichtlich 75 Pfg.

**Die einfachste Buchführung** für die speziellen Bedürfnisse des Kleinhandels bearbeitet vom gerichtlichen Bücherrevisor **Ferdinand Simon**. Das praktischste Buch dieser Art. Preis nur 1 M.

**Kalkulations-Wesen** Separat-Abdruck aus meinem Buche »Gründliche Unterweisung« 1 M.

**Bankier u. seine Kundschaft** 1,50 M. (Erklärung der Diskont-, Devisen-, Börsengeschäfte etc.)

Der Versand erfolgt franko, gegen Voreinsendung des Betrages und 20 Pfg. für Porto vom Verlag:

**F. Simon Berlin W 62.**



# אגענטען

אויפצונעהמען

# אבאנענטען און אנאנסען

ווערען געזוכט.

גרויסע פראוויזאן.

זיך צו מעלדען ביי דער אדמיניסטראציאן פון דער יודישען אילוסטרירטען צייטונג אין קראקוי.


# ☞ די „הבדלה״ נו׳ 4 ערשיינט קומענדע וואך.

# העברעאישער פערנאונטעררִיכט.

דורך מיינע 32 קונסטפאלע העברעאישע אונטערריכטס־בריעפע וועלכע איינען גרויסען טהייל דער העברעאישען ליטעראטור אין פראזא און פאעזיע אונד די גאנצע גראמאטיק אין פערשיערענען איבונגען ענטהאלטע קאן יעדערמאן דיא העברעאישע שפראכע אין קורצער צייט לייכט אונר גרינדליך אין ווארט אונד שריפט ערלערנען. האבע הונדערטער ראנקזאגונגען פאן שילערן.

פראספעקטע גראטיס. פראבענומער 1 קראנע אין מארקען. אויך אויסלענדישע

**S. Walkowski, Krakau, Miodowa 16**

Postfach 119.

# Verein „Israelit“ in Wien

Genehmigt von der Hohen K. K. Niederösterr. Statthalterei.

## Kundmachung:

Der Verein Israelit in Wien bietet seinen Mitgliedern folgende Vorteile:

1) Heiratsstipendien für deren erwachsene Kinder ohne Unterschied des Geschlechtes.

2) Teilweisen Schadenersatz bei Elementarereignissen, wie z. B. Viehseuche, Ueberschwemmungen, Feuer und Hagelschaden.

3) Versorgung der Familie eines Mitgliedes nach seinem Ableben.

4) Erteilt der Verein seinen Mitgliedern Unterstutzungen in allen kritischen Lebenslagen.

Wer sich für den Verein im eigenen Interesse oder zwecks Empfehlung von Mitgliedern aus seiner Ortschaft interessiert, wende sich an den

**Ausschuss des Vereines Israelit in Wien II.**
**Miesbachgasse Nr. 12.**

סענזאציאנעללע נייהייט!

בעריטס איבער די גאנצע וועלט פערבייטעט!

ענארם בילליג!

# מאנדליכט

איין וואונדער דער חעמיע אין יעדעם הויזע

זיננרייך קאנסטרואירטער אפאראט. לייכט אונבעדינגט זעלבשטענדיג. קיין ברעננשטאף נעטיג, קיינע ווארטונג, דאהער גאראנטירט קאסטענלאז אונד דויערנד אים געברויך. פאלשטענדיג גערוכלאז אונד אונגעפעהרליך. צאהלרייכע אנערקעננונגסשרייבען

„מאנדליכט“ מאָרעלל M. I. II. III.

פרייזע: קראָנען: 3·60. 4·80. 7·— 11·—

פראנקא אונד אינקלוזיווע פערפאקונג געגען פאראיינזענדונג אדער נאכנאהמע דעם בעטראגעס.

**Mondlichtwerk A. Seib jun. Warnsdorf 53/337 Böhmen.**



MODELL II.

Sensationelle Neuheit!

Bereits uber die Ganze Welt verbreitet!

Enorm billig!

**MONDLICHT** ein Wunder der Chemie in jedem Hause!

Sinnreich konstruirter Apparat. Leucht unbedingt selbständig. Kein Brennstoff nötig, keine Wartung, daher garantir kostenlos und daurend im Gebrauch. Vollständig geruchlos und ungefährlich. Zahlreiche Anerkennungsschreiben.

**Mondlicht** Modell M. I. II. III.

Preise: Kronen 3.60, 4.80, 7.—, 11.—

Franko und inklusive Verpakung gegen Voreinsendung oder Nachnahme des Betrages.

**Mondlichtwerk A. Seib jun**
**Warnsdorf** 53/337 Böhmen.



Modell M

# אלטער הארנער

קאנצעסיאנירטער שטיינמעטצמייסטער

## לאגער פון מצבות

אים מארמאר, גראניט און סיעניט.

**A. HORNER, Krakau, Metgasse 37.**

# Mineralwasser!

En gros-Versand! Export nach Russland und Rumänien!

Directe Verbindungen mit den Quellen!!

Nahere Auskunft und Preise gratis und franko!!

1) **N. Traums Sohn, Tarnów,** (Galizien).

2) **N. Traums Sohn, Kraków,** Dietelsg. 46. Tel. 869.

**Gründungsjahr 1864.**

**Menachem Pidhoretz**

Hochzeitssanger (ברחן)

GRODEK JAGIELLONSKI

עמפפעהלט זיך אויף אללער ארט חתונות אונד גאראנטירט פיר בעסטע צופריעדענהייט.

האנאראר (שכירות) מעססיג.

אויף יעדער אנפראגע ווירד גלייך בעטנטוואָרטעט.

Spezial-Verkehr nach Süd-Russland.

**N. Katzner, Spedition u. Kommission**

Podwoloczyska, Woloczysk, Brody und Radziwilow

Feste Durchfrachten von und nach Russland.

Export von Holzwolle, Eierkistenbrettern u. Sensenwetzsteinen

**Steinkohlen, Antracit und Koks.**

Tee in Originalpaketten mit kais. russ. Kronsbanderolle.

# HOTEL-RESTAURANT
# Rosenthal

**Lemberg.**

Rzeźnicka.

Telefon Nr. 1314.

# זיכערע הילף געפינט יעדער

אין האפראט פראפעסאר דאקטאר מ. גרובער׳ס בעריהמטען ביכעל

## „דאס געשלעכטסלעבען“

איינפאך יודיש בעארבייט

אינהאלט: דאס היילען פון אללערליי מענערקראנקהייטען פון אונאני (א געהיימע ליידענשאפט ביי יונגע מענשען, פאר א בחור זעהר וויכטיגע עצות. אויסגעצייכנעטע מיטעל פאר יונגע לייט

פראנקא פאר 1.10 קראנע (50 קאפ.) אין פאראוים.

ביי: H. Fränkel, Volksschullehrer, in Gwożdziec, (Galizien)

יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ!

# גימנזיום עברי

**Jüd. Pr.-Gymnazyum des Dr. Jung,**
**Storozynetz** (Bukowina)

רינדליך אונד ערפאלגרייכער אונטעררִיכט אין אללען לעהרגעגענשטענדען דעס גימנאזיומס אונד דער יודישען ליטעראטור תנ״ך, רש״י, גמרא, שלחן ערוך וכתב ולשון עברי; אינדיווידועללע, שטרענגרעליגיעזע ערציעהונג! גלענצענדע רעזולטאטע: לייטער דער העברעאישען פעכער; ההי״נ מוי״ה משה דוד גראס לפנים רב בקיק לוצערן (שווייץ) מח״ם רע מה שתשיב.

אין דען מאנאטען יוני, יולי, אויגוסט פארבערייטונגסקלאססע דארטועלבסט!

אויסקונפט ערטיילט: **Die Leitung**

# 10.000
# הויזהאל־טונגען

בענוטצען בערייטס די פאטענט בוטטער ״מאנאפאל״.

דיעזע בוטטער איזט דער נאטורבוטטער צו יעדער בעציעהונג גלייך יעדאך בעדייטענד ביללינער. קיינע הויזפרוי פערזיימע איינען פערזוך דאמיט צו מאכען, ווא פאטענט בוטטער נישט פארהאנדען איזט ווענדע מאן זיך דירעקט אן דער

I. Oesterr.
**Pat. Butterfabrik**
**„MONOPOL“**

Krakau, Jasna 8.

פרייז פער ½ קילא קרא. 1.20.

# עפילעפסיע.

ווער עס אן פאלזוכט, קראמפפען א. אנדערע נערוועזען צושטענדען ליידעט, פערלאנגע בראשירע דאריבער. ערהעלטליך גראטיס א. פראנקא דורך די

**Privil. Schwanen-Apotheke Frankfurt a. M.**




·Chokolat·
# Hoff

Najsłynniejsza·marka·
JanaHoffafabryka·kakao·
i czekolady·WIEDEŃ-STADLAU

